בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

## דִי הַאַרְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 15

אַרָאפְּקוּמֶען טְרִינְקֶען וַואסֶער אוּן קֶענֶען צוּרִיק גֵיין, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער".

דִי פָּארְפָאלְק זֶענֶען אַהֵיים אוּן צוּרִיק גֶעלֵייגְט דִי לֵייטֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען מִיר אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס

פַאסִירְט הָאט אַ סִיבָּה, אוּן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵייטְן, אֲפִילוּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט פֵייגְלֶעךְ אָדֶער חַיּוֹת - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי צַעַר פוּן זֵיי - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען זֶעט אַ יְשׁוּעָה.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט"א אין 'קול ברסלב'
טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## דִי הַאַרְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען חַיוֹת אוּן פֵייגְלֶעךְ, אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי - הוֹיבְּן זֵיי אָן וֵויינֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטְרָאף.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אַרִיזַ"ל, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ בְּרָכָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, זָאגְט דֶער צַדִיק: "עֶנְק קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וֶועגְן עֶנְק הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי קְלֵיינֶע לֵייטֶער וָואס דִי הִינֶער פְלֶעגְן דוּרְכְדֶעם אַרָאפְּקוּמֶען פוּן שְׁטֵייג טְרִינְקֶען וַואסֶער, דִי הִינֶער הָאבְּן יֶעדֶע מִינוּט צַעַר אוּן וֵוייטָאג, דֶערִיבֶּער הָאבְּן עֶנְק נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, גֵייט שׁוֹין אַהֵיים אוּן לֵייגְט צוּרִיק דִי לֵייטֶער אַז דִי הִינֶער זָאלְן קֶענֶען

